THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
JUN 26 1926
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATION

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIII No. 4795 — TORONTO, WEDNESDAY, JUNE 23 1926. — יום ד', י"א תמוז, פרשה בלק, תרפ"ו. — טאראנטא, מיטוואך דעם 23־טען יוני, 1926. — PRICE THREE CENTS

פעטלורא'ס הויפט אטאמאן אסקילק דערשאסען

וולאדימיר אסקילק, אונטער וועמענ'ס פערזענליכער קאמאנדע סאלדאטען האבען געמאכט פאגראמען אין וואהלינער גובערניע, איז דערשאסען געווארען אין זיין צימער. — אנטיסעמיטען זוכען צו ווארפען די שולד אויף אוקראינער אידען.

ווארשא, יוני, 22, (איטא).

וולאדימיר אסקילק דער געוועזענער פעטלורא'ס הויפט אטאמאן, איז געפונען געווארען אן ערמארדעטער אין זיין צימער אין גראדעק נעבען ראוונע, לעצטען שבת ביינאכט.

ווער עס האט איהם ערמארדעט איז ניט באקאנט, אבער פון די סמנים ווי אזוי ער איז ערמארדעט געווארען איז צו זעהען אז מען איז אריין אין זיין צימער דורכ'ן פענסטער און אריינגעשאסען איהם א קויל אין הארצען ווען ער איז געשלאפען.

דער וועלכער איז דעם מארד באגאנגען איז ארויס מיט'ן זעלבען וועג ניט איבערלאזענדיג הינטער זיך קיין שפור.

א פאליטישער מארד

די פוילישע אויטאריטעטען זענען מיט דער מיינונג, אז דאס איז א פאליטישער מארד באגאנגען געווארען. עס זענען אבער דערצו ניטא קיינע באווייזע.

פיעלע ארעסטען זענען געמאכט געווארען צווישען דער אידישער באפעלקערונג, אבער דער, וועלכער איז דעם מארד באגאנגען האט מען ניט געכאפט. די פאליציי גלויבט אז די קאמוניסטען זענען דעם מארד באגאנגען.

אנטיסעמיטען ווארפען די שולד אויף אידען

די אוקראינער אנטיסעמיטישע גרופען פארשפרייטען קלאנגען, אז אסקילק איז ערמארדעט געווארען פון אידען וועלכע האבען גענומען נקמה פאר די פאגראמען וועלכע זענען פארגעקומען אין 1919 אין ראוונער געגענד אין וועלכע אסקילק האט גענומען א גרויסען אנטייל.

אסקילק וועלכער איז אלט געווען 50 יאהר איז געווען פעטלורא'ס הויפט אטאמאן און האט קאמאנדירט זיין ארמיי אינ'ם ראוונער געגענד. דורך דער גאנצער צייט וואס זיין ארמיי איז דארטען געשטאנען, האט אסקילק ניט געטאן קיין זאך צו פארמיידען פאגראמען, פארקעהרט, ער האט נאך דערצו אויפגעהעצט זיינע אייגענע סאלדאטען.

די צייטונגען וועלכע זענען דאן ארויסגעגעבען געווארען פון אסקילק'ן האבען טעגליך געהעצט צו פאגראמען אויף אידען. א דאנק דעם זענען שחיטות פארגעקומען אין בערדיטשעוו, זשיטאמיר ראוונע און זוויהל.

ווען א אידישע דעלעגאציע האט זיך דאן צו איהם געווענדט ער זאל די פאגראמען אפשטעלען, האט ער די דעלעגאציע אנגעזידעלט און ארויסגעטריבען.

האט געוואלט נעהמען נקמה פאר פעטלורא'ן

דעם 25־טען מאי, ווען פעטלורא איז פון שווארצבארד'ן דערשאסען געווארען אין פאריז האט די „וואלינסקאיא זשיזן", וועלכע איז רעדאגירט געווארען פון אסקילק'ן, ארויס מיט א פאגראם אגיטאציע זיך אפצורעכענען מיט אוקראינער אידען פאר פעטלורא'ס בלוט.

די אידען אבער האבען זיך געווענדט צו די פוילישע אויטאריטעטען צו אפשטעלען די אנטיסעמיטישע אגיטאציע פון דער צייטונג.

אסקילק האט געהאט א סך פערזענליכע שונאים צווישען די אוקראינער, ווייל ער איז געווען א פארביסענער רעאקציאנער.

פארשלאג אריינגעבראכט צו טאדלען דעם קאסטאם מיניסטער

אטאווא, יוני, 22.

ווען פאול מערסיער, דער פארזיצענדער פון דער קאסטאם אונטערזוכונגס קאמיסיע האט היינט פארגעשלאגען גוטצוהייסען דעם באריכט פון דער קאסטאם קאמיסיע, האט ה. ה. סטיווענס געמאכט אן אויסבעסערונג צו טאדלען דעם קאסטאם מיניסטער האג. באוווין פאר זיין האנדלונג אין דער אויז קייס. דאס איז געווען אן ערווארטעטער שריט.

סטיווענס האט אבער געמאכט די דעם צו טאדלען דעם מיניסטער.

אויסבעסערונג אין דער זעלבער פארמע ווי די פראגרעסיוו'ען האבען עס געמאכט ביי דער קאמיסיע מיט'ן צוועק אז די פראגרעסיוו'ען זאלען שטימען פאר דעם און נידערשטימען די רעגיערונג.

האג. באוווין האט אין א שטארקער רעדע גערעכטפערטיגט זיין טאט.

אויב סטיווענס אויסבעסערונג וועט אנגענומען ווערען וועט עס מיינען אז די רעגיערונג איז דורכגעפאלען.

די ארבייטער רעפרעזענטאנטען האבען ערקלעהרט, אז זיי וועלען שטימען פאר

אידישע סוחרים דארף מען קיין קרעדיט ניט געבען, זאגט ריכטער

„דאס איז דער אונפארשעהמטסטער שווינדעל וועלכער איז ווען עס איז פארגעבראכט געווארען אין מיין געריכט".

מיט די דאזיגע ווערטער האט ריכטער פישער באצייכענט דעם באנקראט פון די גארדאן ברידער, וועלכע זענען געווען אין די קלאוק מאנופעקטשורינג ביזנעס און האט אינסטרואירט לאיער בירענבוים'ען, וועלכער האט די קייס פארגעבראכט, צו פארפאלגען די גארדאן ברידער אין קרימינאלען געריכט.

דער ריכטער האט שטארק געלויבט לאיער בירענבוים'ען פאר'ן ארויסברענגען די אלע פאקטען וועלכע זענען פאר'ן געריכט געבראכט געווארען.

עס האט זיך ארויסגעוויזען אז איידער די גארדאן ברידער האבען באנקראטירט, האבען זיי 60 טויזענט דאלאר פון דער פירמע בלומרשט צוטיילט צווישען זייערע קרובים און עס ארונטערגעלאזען זיך אין קעשענע.

הויפטזעכליך אידישע סוחרים באשווינדלען זייערע קרעדיטארען, האט דער ריכטער צוגעגעבען, אבער די גרעסטע שווינדלער זענען די גארדאן ברידער. עס זענען אויך פאראן עהרליכע אידישע סוחרים, אבער מיר דאכט אז 90 פראצענט פון די שווינדלעריען וועלכע זענען פארגעבראכט געווארען אין מיין געריכט זענען אידען, און די בעסטע זאך וואלט געווען, ווען מ'זאל אידישע סוחרים קיין קרעדיט ניט געבען.

קריזיס אין פוילען פארשטארקט זיך

ווארשא, יוני, 22.

דער פאליטישער קריזיס אין פוילען ווערט שטארק פארשארפט. דער סיים פארזאמעלט זיך היינט צו באשטימען וועגען פילסודסקי'ס פאדערונגען און זיך אויפלייזען. די מעהרסטע דעפוטאטען זענען אבער יעצט געגען איהם.

„חושן משפט" „יורה דעה" און זעקס רבנים נעכטען אויפ'ן „וויטנעס־סטענד" ביים קהלה בשר כשר פראצעס אין סופרים געריכט פאר דזשאסטי רייט

אלע רבנים זענען גערופען געווארען צום „וויטנעס־סטענד" צו געבען ערקלעהרונגען וועגען דער קהלה און קהל עדת. — האבען רבנים א רעכט צו אסורען פלייש? קהלה און קהל עדת האבען געבראכט רבנים צו באווייזען זייער רעכט באצוג בשר כשר.

רב גארדאן און רב וויינריב גענומען אויף שטרייננען קרייץ־פארהער

ביים צווייטען טאג פון בשר כשר פראצעס, וועלכער קומט פאר אין „עסויז נאן דזשורי קאורט", האבען ביידע צדדים, די לאיערס, דער ריכטער, און די צושויער, וועלכע באשטעהען פון בלויז אידען, געהאט די געלעגענהייט צו הערען וואס דער חושן משפט, יורה דעה און דער שולחן ערוך האבען צו זאגען אין באצוג כשרות ביי אידען.

צוזאמען מיט די אנגעקלאגטע רבנים וועלכע ווערען באשולדיגט אז זיי האבען טריפה געמאכט פלייש געשאכטען

הרב יעקב גארדאן.

בהשגחת חבר גרויבארט, האט מען אויך געבראכט אין געריכט דעם חושן משפט, יורה דעה און א ריהע אנדערע ספרים וועלכע האבען דינים אין באצוג צו אידישע שחיטה.

דער געריכט איז געווען איבערפילט פון אידען, צווישען וועלכע עס זענען געווען א היבש ביסעל עלטערע בעלי בתים און באקאנטע כלל טוער.

דער ערשטער גערופען צו ווערען אויפ'ן „וויטנעס סטענד" איז געווען הרב גארדאן, וועלכער האט דעם ערשטען טאג איבערגעגעבען די גרינדונג פון דער קהלה, און האט נעכטען פארגעזעצט.

לאיער מייסאן וועלכער פארטיידיגט דעם בוטשער קאהן האט געהאלטען רבי גארדאן צוויי שטונדען אויפ'ן קרייץ־פארהער, און צווישען א ריהע פראגען, וועלכע זענען צו אידען גוט באקאנט דורך דער שוחטים מחלוקה, האט ער אויך געפרעגט:

קען כשר פלייש פון מאנטרעאל זיין טריפה אין טאראנטא?

אויב די קהלה וויל, איז געווען דער ענטפער.

— זענט איהר געווען רבנים ביי די אגודת השוחטים?

— יא.

— האט איהר דארט באקומען געהאלט?

— יא.

— זענט איהר נאכהער אוועק פון זיי?

— יא.

— האט איהר געשריבען די הענדבילס וועגען טריפה פלייש?

— ניין.

— איז עס אייער איסור?

— יא.

— ווי אזוי האט איהר גערופען די ערשטע קהלה אין טאראנטא?

— „זבחי צדק".

— וויפיעל קהלות האט איהר שוין געגרינדעט?

— עטליכע.

— פארוואס צופאלען זיי?

— דורך פארשידענע אינטריגעס, איז געווען רבי גארדאן'ס ענטפער.

א ריהע פראגען וועגען אידישען געזעלשאפטליכען לעבען זענען געשטעלט געווארען צו רבי גארדאן, ווי אויך די אורזאכע פון דער מחלוקה צווישען די רבנים, וועלכע האבען געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף אלע צושויער.

הרב נ. מאנדעלבוים אלס אויטאריטעט

הרב נ. מאנדעלבוים, אן איידעם פון הרב גארדאן, איצטיגער רב אין אלבאני, האט אלס אויטאריטעט אין כשרות, ווי אויך אין קהלות, איבערגעגעבען פאר'ן ריכטער און פאר די לאיערס די גרינדונג פון קהלות ביי אידען אין פארשידענע צייטען, זייער צוועק און אויפגאבען, ציטירענדיג די געזעצען פון די זקנים, ווי אויך די איסורים וואס די שוחטים האבען געגעבען צו דער קהלה און זיי ניט געהאלטען.

הרב מאנדעלבוים האט זיך ניט באנוגענט מיט רייד'ען, נאר געהייסען זיך דערלאנגען דעם „חושן־משפט" און „יורה־דעה" און געלערענט דאס מיט די לאיערס און די ריכטער.

די קהלה, האט הרב מאנדעלבוים ערקלעהרט, איז אן ארטאדאקסישע אינסטיטוציע, כשר און טריפה איז אויך אן ארטאדאקסישע אינסטיטוציע.

א שווער שטיקעל ארבייט האט דער רב געהאט צו ערקלעהרען דעם אונטערשייד צווישען נבלה וטריפה.

דער רב האט אויך ציטירט דעם בשר כשר געזעץ פון ניו־יארק, וועלכער איז איצט אין קראפט דורך דער רעגירונג.

ביי דער נאכמיטאג זיצונג איז דער ערשטער גערופען געווארען אויפ'ן „וויטנעס סטענד" הרב צבי קאהן פון מאנטרעאל.

אין א געלאסענעם טאן מיט א ישוב הדעת ווי עס פאסט פאר א רב, האט הרב קאהן ערקלעהרט דעם קאמף צווישען די שוחטים און רבנים, ווי אויך דעם קאמף, וואס די רבנים פיהרען באצוג בשר כשר. ער האט אויך ערקלעהרט אז ביי דער קאנווענשאן פון אגודת־הרבנים האט מען פארהאנדעלט די טאראנטא מחלקה און אפעלירט פאר שלום פון ביידע צדדים.

דער לאיער פון דער אנקלאגע האט געמאכט פארשידענע אנפראגען וועגען קהלה ענינים ביי הרב קאהן.

הרב קאהן האט עס אבער אויף א גלענצענדען אופן פארענטפערט.

עס זענען אויך גערופען געווארען צום פארהער פ. ליוויי, וועלכער איז געווען דער ערשטער גרינדער פון דער קהלה, מאיר שאפירא, דער איצטיגער פרעזידענט פון דער קהלה, און די רבנים סילווערשטיין און בערגער.

אינדארסירט קהלה טשעק

ווען מאיר שאפירא איז געווען אויפ'ן „וויטנעס סטענד" האט איהם לאיער העלמוט ק. ס. צוגעטראגען א פעקעל מיט טשעקס געגעבען פון דער קהלה צו הרב גרויבארט, און אינדארסירט פון מ. קאראלניק. דער לאיער האט געוואלט וויסען צי האט הרב גרויבארט באקומען געהאלט פון דער קהלה און פארוואס האט דער רב ניט אינדארסירט די טשעקס.

הרב וויינריב דערצעהלט וועגען פארשידענע קהלות

אלס ערשטער רב אין טאראנטא, האט דער לאיער פון דער אנקלאגע געהאלטען רבי וויינריב א שטונדע מיט א האלבע אויפ'ן „וויטנעס סטענד" פרעגענדיג איהם וועגען די ענטשטעהונג פון קהלות אין שטאדט.

לאיער מייסאן: — זענט איהר געווען דער ערשטער רב אין שטאדט?

— יא.

— האט איהר געגרינדעט די ערשטע קהלה?

— יא.

— געדענקט איהר ווען רבי גארדאן איז געקומען אין טאראנטא?

— יא.

— האט איהר איהם אריינגענומען אין אייער קהלה?

— ניין.

— פארוואס?

— צוליעב פארשידענע אורזאכען.

— האט ער געגרינדעט א באזונדערע קהלה?

— יא.

— האט איהר זיך נאכהער פאראייניגט?

— יא.

— האט איהר אלס רב געאסורט

הרב א. נ. מאנדעלבוים.

זיין פלייש?

— ניין.

— געדענקט איהר ווען רבי ליוויי איז געקומען אין שטאדט?

— יא.

— האט איהר איהם אריינגענומען אין דער קהלה?

— ניין.

— האט איהר טריפה געמאכט זיין פלייש?

— ניין.

— געדענקט איהר ווען הרב ראזענבערג איז געקומען אין שטאדט?

— יא.

— האט איהר איהם אריינגענומען אין אייער קהלה?

— ניין.

לאיער מייסאן האט איבערגעפרעגט דעם רב די זעלבע פראגען, אזוי אז עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז די רבנים האבען געגרינדעט עטליכע קהלות, אין אלע מאהל געהאט מחלוקת צווישען זיך.

— האט איהר אונטערגעשריבען די הענדבילס וועגען בוטשער קאהן?

— יא, איז געווען דער ענטפער.

— האט איהר עס געטאן צוליעב פערזענליכע נוצען?

— ניין.

רבי וויינריב איז נאך א לאנגען און שווערען פארהער ערלויבט געווארען, ארונטערצוגעהן פון „וויטנעס סטענד".

דער טרייעל ווערט היינט פארגעזעצט, און היינט וועלען גערופען ווערען צום „וויטנעס סטענד" די רבנים וואס די קהל עדת ישראל האט געבראכט זיי צו העלפען אין דער אנקלאגע.

פאול דומער ווידער פינאנץ מיניסטער פון פראנקרייך

פאריז, יוני, 22.

פאול דומער, דער געוועזענער פינאנץ מיניסטער פון פראנקרייך האט אנגענומען דעם זעלבען אמט אונ'ם נייעם בריאן קאבינעט. די איבעריגע מיניסטארען זענען פאלגענדע:

אריסטיד בריאן, פרעמיער און אויסערן מיניסטער; פואנקארע, יוסטיץ מיניסטער; פעינלעווע, קריעגס מיניסטער; דורענר אינערן מיניסטער; רעניע, ווינסענט, ארבייטס מיניסטער. די איבעריגע פארטפעליאס האבען פארנומען פערזאנען פון פארשיידענע פארטייען.

דער אלט־נייער פינאנץ מיניסטער איז געגען דעם אפמאך, וועלכער איז געמאכט געווארען מיט אמעריקע צו באצאהלען דעם מלחמה חוב. ער זאגט, אז דאס איז צו שווער פאר פראנקרייך.

היינט וועט דער קאבינעט קומען פאר'ן פארלאמענט פאר גוטהייסונג.

קלען האט איהם געשיקט אויפרייסען א קירכע

ארעסטירט פאר אונטערלייגען דינאמיט אין א קאטאלישער קירכע אין בערי, אנטעריא, דערצעהלט ער אז דער קו קלוקס קלען אין אנטעריא האט איהם געשיקט עס צו טאן אונטער א סטראשונאק. — אטוירני דזשענעראל וועט מאכען אן אונטערזוכונג אין דער אקטיוויטעט פון דעם קלען אין אנטעריא.

וויליאם סקעלי, א שוסטער, 30 יאהר אלט, וועלכער איז נעכטען ארעסטירט געווארען אויף יאנג סטריט פון דער פראווינציעלער פאליציי אויף א קלאגע אז ער האט דעם 10־טען יוני אונטערגעלייגט דינאמיט אין דער קאטוילישער קירכע פון בערי, אנטעריא, זי אויפצורייסען, האט ערקלעהרט פאר דער פאליציי, אז ער איז א מיטגליעד פון קענעדער קו קלוקס קלען, און אז די דאזיגע קערפערשאפט האט איהם אינסטרואירט אויפצורייסען די דאזיגע קירכע.

פאר'ן אינספעקטאר פון דער פראווינציעלער פאליציי, אלפרעד האר, האט סקעלי ערקלעהרט, אז איידער ער האט אונטערגעלייגט די דינאמיט אין דער קירכע, איז ער איינגעשווארען געווארען אלס א מיטגליעד פון קו קלוקס קלען, און אז פאר דעם איז אין בערי פארגעקומען א קלען פאראד, און ער איז בעאויפטראגט געווארען פונ'ם קלען אפצוטאן די דאזיגע שטיקעל ארבייט.

איז געקומען אין קענעדע מיט א יאהר צוריק

סקעלי האט ערקלעהרט פאר דער פאליציי, אז ער איז בלויז מיט א יאהר צוריק געקומען אין קענעדע פון אירלאנד, און אין בערי אנטעריא איז ער ניט מעהר געווען ווי 3 וואכען איידער ער איז איינגעשוואוירען געווארען אלס מיטגליעד פונ'ם קלען. די דינאמיט האט ער דערצעהלט, האט ער געקויפט אין בערי, וואו עס זענען געמאכט געווארען די פלענער אויפצורייסען די קירכע.

די דינאמיט וועלכע סקעלי האט אונטערגעלייגט אין דער קירכע האט עקספלאדירט אבער דער שאדען איז ניט געווען קיין גרויסער, בלויז א טייל פון א וואנט אין קעלער איז אויפגעריסען געווארען און עטליכע פענסטער זענען צובראכען געווארען.

דריי קלעניקעס ארעסטירט

אויסער דעם וואס סקעלי האט דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, האט ער אויך דערצעהלט, אז איידער מען האט איהם אריינגעשיקט מיט'ן דינאמיט אין קעלער פון דער קירכע, האט מען איהם אנגעשיכורט מיט אלקאהאל און מע האט איהם געסטראשעט אז אויב ער וועט עס ניט טאן ווייסט ער שוין וואס מיט איהם וועט פאסירען.

סקעלי האט אויך ארויסגעגעבען די נעמען פון די דריי, וועלכע האבען איהם געהאלפען און זיי זענען נעכטען ארעסטירט געווארען אין בערי, אנטעריא.

אזוי שנעל ווי סקעלי האט זיך מודה געווען, האט די קלען ארגאניזאציע ארויסגעגעבען אן אפיציעלע אפלייקנונג, ערקלעהרענדיג, אז דער קלען איז געגען וועלכע עס איז גוואלדטאטען און איז פאר אפהיטען דאס געזעץ פון לאנד.

וועט מאכען אן אונטערזוכונג

אטוירני דזשענעראל ניקל האט נעכטען ערקלעהרט, אז עס איז זעהר מעגליך, אז אן אונטערזוכונג זאל געמאכט ווערען אין דער טעטיגקייט פונ'ם קלען אין אנטעריא.

עס ווייזט זיך אויך ארויס, אז דער קלען האט ניט קיין טשארטער פון דער אנטעריא רעגיערונג און עקזיסטירט ניט געזעצליך.

סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער פעדעראציע רעזיגנירט

ווי מען מעלדעט אונז פון מאנטרעאל, פון דער ציוניסטישער הויפטקווארטיר, האט מר. לעאן גאלדמאן, וועלכער איז פאר זעהר א לאנגער צייט


לעאן גאלדמאן.

געוועזען סעקרעטאר פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע, רעזיגנירט פון זיין אמט.

ווער עס איז באשטימט געווארען אלס זיין נאכפאלגער, ווערט דערווייל ניט אנגעגעבען.

וועלט אימיגראציאנס קאנגרעס נעהמט אויף אידישע אימיגראציע

לאנדאן, יוני, 22 (איטא).

דא האט זיך היינט געעפענט דער וועלט אימיגראציאנס קאנגרעס אין דער אנוועזענהייט פון דעלעגאטען פון 23 לענדער. זיבערט איז דער פארטרעטער פון דער אידישער ביורא אין ווארשא, אלטער פארטרעט דעם „בונד" און לאקער, רודעל און בלום פארטרעטען די פועלי ציון. עס זענען אויך געקומען צוויי ספעציעלע דעלעגאטען פון פאלעסטינע.

בראון, דער סעקרעטאר פון אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל, האט אפגעגעבען א דעטאלען באריכט, אין בעהויפט האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דער טראגישער זייט פון דער אידישער אימיגראציע אנווייזענדיג אויפ'ן שטארקען אנטיסעמיטיזם, וועלכער הערשט אין אייראפע און אויף די פארמאכטע טירען פון אמעריקע. דאס איינציגע לאנד וואוהין זיי קענען פאהרען איז פאלעסטינע אבער זי איז ניט אנטוויקעלט גענוג אריינצונעהמען אלע אימיגראנטען.

ער פארענדיגט זיין באריכט מיט דער האפנונג, אז דער קאנגרעס וועט שאפען א בעסערע פארשטענדיגונג צווישען די ארבייטער יוניאנס פון פארשידענע לענדער פאר אימיגראציאנס בוראס.